בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת מטות מסעי תשע"ז שבת חזק מברכין פרק ב' גליון 418 [שנה ט']

**פארוואס שטייט נישט וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר**

וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל־רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה': (ל ב) דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט נישט פשוט וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר, זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה'? נאר עס שטייט פארוואס מאכט א מענטש א נדר, ווייל אין א צרה וויל מען מיטן נדר געהאלפן ווערן אזוי ווי מען זעט ביי יעקב אבינו ווען ער איז געווען איז א צרה וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר לֵאמֹר (בראשית כח כ), און מיר ווייסן אז דער אויבערשטער וויל נישט לייגן זיין נאמען ביי א שלעכטע זאך דעריבער ביי די פרשה פון נדאים האט דער אויבערשטער דאס איבערגעגעבן פאר משה אז ער זאל דאס זאגן פאר די אידן. (אך פרי תבואה – ליסקא)

**דורך א שבועה וועט מען מקיים זיין**

אִישׁ כִּי־יִדֹּר נֶדֶר לַה' אוֹ־הִשָּׁבַע שְׁבֻעָה לֶאְסֹר אִסָּר עַל־נַפְשׁוֹ לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל־הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה: (ל ג) צו פארשטיין דער אריכות אין פסוק: לויט וואס דער הייליגער קדושת יום טוב שרייבט אויפן פסוק (תהלים קיט קו) נִשְׁבַּעְתִּי וָאֲקַיֵּמָה. נִשְׁבַּעְתִּי פארוואס טו איך שווערן? ווייל אזוי וָאֲקַיֵּמָה לִשְׁמֹר, דורך די שבועה וועל איך נישט וועלן פארשוועכן מיינע רייד, ממילא וָאֲקַיֵּמָה. דאס קען זיין דער זעלבע דא: אִישׁ כִּי־יִדֹּר נֶדֶר לַה' אוֹ־הִשָּׁבַע שְׁבֻעָה לֶאְסֹר אִסָּר עַל־נַפְשׁוֹ, פארוואס מַאך איך א שבועה אדער א נדר? ווייל לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ, איך וויל נישט פארשוועכן מיינע רייד, ממילא כְּכָל־הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה, און איך וועל טאן וואס איך האב צו געזאגט. (תפוחי חיים – פאנעט אב"ד דעעש קארלסבורג)

**המבזבז אַל יבזבז יותר מחוֹמֶש**

אַנְשֵׁי הַצָּבָא בָּזְזוּ אִישׁ לוֹ: (לא נג) שטייט איז די גמ' (כתובות דף נ ע"א) המבזבז אל יבזבז יותר מחוֹמֶש – מען זאל נישט געבן צדקה מען פון חומש –צוואנציג פערצענט– ומעשה באחד–רבי יֵשֵׁבָב–שבקש לבזבז יותר מחוֹמֶש, ולא הניח לו חבירו–רבי עקיבא–רבי יֵשֵׁבָב האט געוואלט אוועקגעבן מער פון א חוֹמֶש און רבי עקיבא האט אים נישט געלאזט. פרעגען די מפרשים פארוואס האט רבי יֵשֵׁבָב געוואלט געבן מער פון א חוֹמֶש בשעת עס שטייט אל יבזבז יותר מחוֹמֶש, און אויב ער האט געמעגט פארוואס האט אים רבי עקיבא נישט געלאזט? ענטפערט דער הייליגער תניא אז דער דין פון נישט געבן מער פון א חוֹמֶש רעדט זיך ווען מען וויל געבן אלץ צדקה טאר מען נישט, אבער אויב א מענטש וויל געבן געלט ווייל ער וויל תשובה טאן און זאל האבן א כפרה מעג ער געבן וויפיל ער וויל, דעריבער האט רבי יֵשֵׁבָב געהאלטן אז ער דארף א כפרה מעג ער געבן מער פון א חומש, אבער רבי עקיבא האט אים נישט געלאזט ווייל ער האט געוואוסט אז רבי יֵשֵׁבָב איז א צדיק און דארף נישט א כפרה ע"כ. יעצט עס איז דא א דין (גיטין דף מ"ה ע"א) אין פודין את השבויין יתר על כדי דמיהן, מען טאר נישט אויסלייזן א שבוי מער וויפיל זיי זענען ווערד, אבל אדם יכול לפדות את עצמו בכל מה שירצה, א מענטש מעג זיך אליין אויסלייזן אפילו מער וואס ער איז ווערד ווייל א מענטש וועט געבן זיין גאנצע רכוש פאר זיין לעבן (שו"ע יו"ד סי' רנ"ב). דאס קען זיין פשט אין פסוק אַנְשֵׁי הַצָּבָא די וואס זענען איז די ארמיי פון ה', אפילו ער טאר נישט געבן מער פון א חוֹמֶש אבער: בָּזְזוּ אִישׁ לוֹ ווען עס קומט צו זיין כפרה אדער זיך אויסלייזן מעג מען מבזבז זיין אפילו מער פון א חומש. (אך פרי תבואה – ליסקא)

**מלמד ששקולות היו**

וַתִּהְיֶינָה מַחְלָה תִרְצָה וְחָגְלָה וּמִלְכָּה וְנֹעָה בְּנוֹת צְלָפְחָד לִבְנֵי דֹדֵיהֶן לְנָשִׁים: (לו יא) זאגט רש"י ד"ה מחלה תרצה וגו': דא זענען די בנות צלפחד אויס גערעכנט לויט זייערע יארן, אבער ביי וַתִּקְרַבְנָה בְּנוֹת צְלָפְחָד וגו' מַחְלָה נֹעָה וְחָגְלָה וּמִלְכָּה וְתִרְצָה. (במדבר כז א) רעכנט מען לויט זייער חכמה און פארוואס אמאל אזוי און אמאל אזוי מלמד ששקולות היו, לכאורה איז שווער וואס איז אונז א נפקא מיני' ווער איז א גרעסערע חכמה ביי זיי? און נאך איז שווער אז רש"י איז זיך סותר ווייל פריערט זאגט ער מען רעכנט לויט זייער קלוגשאפט און נאכדעם זאגט רש"י זיי זענען אלע גלייך? נאר עס שטייט אין אבות (פ"א י"ז) וְלֹא הַמִּדְרָשׁ הוּא הָעִקָּר, אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה קומט אויס אז אלעמאל רעכנט מען לויט זייערע חכמה אבער דא שטייט דאך (פסוק י) כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת־מֹשֶׁה כֵּן עָשׂוּ בְּנוֹת צְלָפְחָד, זיי האבן געטאן א מעשה און געטאן דאס וואס דער אויבערשטער האט זיי באפוילן, דעריבער זענען זיי ביי דעם געווען אלע גלייך. ממילא איז די מהלך הפסוקים זייער שיין: הגם אלעמאל רעכנט מען זיי לויט זייערע חכמה אבער דא ווייל כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת־מֹשֶׁה כֵּן עָשׂוּ בְּנוֹת צְלָפְחָד, דעריבער וַתִּהְיֶינָה מַחְלָה תִרְצָה וְחָגְלָה וּמִלְכָּה וְנֹעָה, רעכנט מען זיי אויף א אויפן צו ווייזן אז ביי דעם ציווי זענען זיי געווען אלע גלייך. (ערוגת הבושם – חוסט)

**מקושש איז צלפחד**

וַתִּהְיֶינָה מַחְלָה תִרְצָה וְחָגְלָה וּמִלְכָּה וְנֹעָה בְּנוֹת צְלָפְחָד לִבְנֵי דֹדֵיהֶן לְנָשִׁים: (לו יא) שטייט אין גמ' (ב"ב דף קי"ט ע"ב) אז די בנות צלפחד האבו געווארט פערציג יאר כדי צו חתונה האבן מיט ערליכע מענטשן ווי זיי און דער אויבערשטער האט געזען זיי מיינען לשם שמים האבן זיי זוכה געווען צו קינדער אפילו זיי זענען געווען עלטער פון פערציג. און תוס' זאגט דארט אז דער רשב"א האלט אז זייער טאטע צלפחד איז געווען דער מקושש אין פרשת שלח אבער ער האט מחלל שבת געווען און געמיינט לשם שמים ווייל די אידן האבן געזאגט ווייל עס איז נגזר געווארן אויפן דור המדבר זיי וועלן נישט ארייגגיין אין א"י ממילא זענען זיי נישט מחוייב אין מצוות, דעריבער האט צלפחד מחלל שבת געווען און באקומען זיין עונש האבן די אידן שוין געזען אז מען איז יא מחוייב אין מצוות. יעצט פון וואו איז דער ראי' אז צלפחד האט געמיינט לשם שמים? נאר די גמ' (מגילה דף טו ע"א) שטייט כל שמעשיו ומעשה אבותיו סתומין ופרט לך הכתוב באחד מהן לשבח כגון (צפניה א א) דְּבַר ה' אֲשֶׁר הָיָה אֶל צְפַנְיָה בֶּן כּוּשִׁי בֶן גְּדַלְיָה –און מיר ווייסן נישט – בידוע שהוא צדיק בן צדיק, וכל שפרט לך הכתוב באחד מהן לגנאי כגון (ירמיהו מא א) וַיְהִי בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בָּא יִשְׁמָעֵאל בֶּן נְתַנְיָה בֶּן אֱלִישָׁמָע מִזֶּרַע הַמְּלוּכָה –און מיר ווייסן נישט – בידוע שהוא רשע בן רשע, ממילא אז מיר זען אין די תורה און די גמ' דארטן אין מס' ב"ב לערנט ארויס פון וַתִּהְיֶינָה מַחְלָה תִרְצָה וְחָגְלָה וּמִלְכָּה וְנֹעָה בְּנוֹת צְלָפְחָד לִבְנֵי דֹדֵיהֶן לְנָשִׁים: אז זיי זענען געווען צדקניות, איז על כרחך אויב דער פסוק דערציילט זייער שבח מוז זיין אז זייער טאטע איז אויך א צדיק, דעריבער זאגט דער רשב"א אז זיי זענען געווען צדיק בן צדיק מוז זיין אז צלפחד האט געמיינט לשם שמים. (ספר תַּקַּנְתָּא דְמֹשֶׁה, הר' שמרנהו ברלינער תקכ"ה בהסכמת השאגת אריה ור' חיים ראפפאפורט)

## מדור העובדות

# געטאן א חסד און באקומען שטארק באצאלט פאר דעם

דער הייליגער צדיק ר' יחזקאל שרגא הלברשטאם דער שינאווא רב זצוק"ל בעל מחבר דברי יחזקאל און זון פון הייליגן צדיק דער בעל דברי חיים מצאנז זצוק"ל פלעגט אסאך ארום פארן צו זיינע חסידים זיי מחזק זיין און בכלל מקרב זיין פארוואלגערטער נשמות און זיי צוריקברענגען צו אידישקייט.

ביי איינע פון זיינע נסיעות האט ער געווארט ביים באן סטאנצי' און מיט אים איז פונקט געווען איינע פון זיינע חסידים ר' בערל א שניידער וואס האט אויך געווארט פאר א באן אים אהיים נעמען פון זיינע געשעפטן, פלוצלינג הערט דער רבי ווי איינער וויינט און שיקט ר' בערל זען ווער עס וויינט? און ער קומט צוריק און זאגט אז א קליין מיידל וויינט ווייל זי האט פארלוירן איר בערזל מיט געלט און מען וויל איר נישט ארויפלאזן אויפן באן און זי קען קיינעם נישט אין שטאט און זי וויינט יאמערליך. זאגט דער רבי צו ר' בערל גיי און גיב איר געלט צו קויפן א בילעט און וועסט אפשר גאר האבן א שטארקע טובה פון דעם. ר' בערל לויפט שנעל און גיט די מיידל געלט און זי גייט און קויפט א בילעט, דערווייל איז שוין אנגעקומען די באן פאר ר' בערל און האט געמוזט ארויפגיין און די מיידל איז צוריקגעקומען דאנקען ר' בערל אבער די טירן האבן זיך פארמאכט און עס איז נישט געווען צייט פאר די מיידל צו פרעגן ווער ער איז און זי האב געמאכט מיט איר הענט אליין א דאנק און ר' בערל איז געפארן זיין וועג.

ר' בערל איז אנגעקומען אין זיין שטאט און איז געגאנגען ביי אים אין פאבריק און ביים טיר שטייט א אפיצער פון די ארמיי און זאגט ערווארט שוין דא א ווייל, ר' בערל האט זיך אנטשולדיגט און דער אפיצער איז אריינגעקומען און זעצט זיך ביים טיש און נעמט ארויס זיין בוך און זאגט פאר ר' בערל אז ער וויל באשטעלן נייע מאנטלען פאר די סאלדאטן און ער דארף דריי מאסן און גיט פאר ר' בערל די מאסן פאר די דריי, און זאגט אז ער דארף דאס האבן ביז א חודש, און ר' בערל זאגט ער וועט דאס טאן און מען באשטימט א פרייז.

ר' בערל איז געווען זייער פרייליך אז ער האט באקומען אזא גרויסע באשטעלונג און האט זיך גענומען צו די ארבעט, ער האט באקומען די סחורה פון די ארמיי און דאס געמאסטן און גענומען צו די ארבעט, און פון גרוים איילעניש און פרייד האט ער געמאכט א קליין טעות אין די מאס פון די מאנטלען זענען ארוים א טראפ קורצער פון וואס דער אפיצער האט פארלאנגט. ר' בערל איז געווארן זייער דערשראקן און האט מתפלל געווען אז דער אפיצער זאל נישט מערקן אז די מאנטלען זענען א טראפ קלענער ווייל אויב יא שטייט ער צו פארלירן זיין גאנצע פארדינסט און דער אפיצער וועט אים באשטראפן!

דער טאג איז אנגעקומען און דער אפיצער קומט אפנעמען די מאנטלען און זאגט ער וויל זיי מעסטן צו עס איז וואס ער האט געבעטן און ווען ער זעט אז די מאנטלען זענען קורצער איז ער געווארן אין כעס און האט געזאגט אז ר' בערל האט זיכער געוואלט אפנארן די ארמיי און פארדעם קומט אים א שטראף אבער ר' בערל בעט זיך בתחנונים אז עס איז נאר געווען א טעות און נישט קיין בייזע כוונות אבער דער אפיצער וויל נישט הערן און דער אפיצער רופט די סאלדאטן זאלן איינזעצן ר' בערל.

ר' בערל זעט וואס עס טוט זיך און לויפט ארוים פון א אונטערשטער טיר און לויפט צווישן די קליינע געסלאך מיט זיין נשמה אינדרויסן און לויפט שנעל צום הויז פון הייליגן שינאווא רב און וויינט זיך אוים פארן רבין ער זאל אים העלפן! דער רבי טראכט און זאגט פאר קיין ווין און זוך אויף דעם הויפט אפיצער וואס וועט דארפן באהאנדלן דיין משפט און דערצייל אים פונקט וואס איז געווען און ער וועט דיר קענען העלפן. ר' בערל טראכט נישט צופיל און נעמט מיט זיך א ביסל געלט און נעמט די באן און פארט קיין ווין און ווען ער קומט אן פרובירט ער אוים געפינען מיט וועלכער אפיצער ער דארף זיך טרעפן און נאך אסאך שתדלנות האט ער אויסגעפונען וואו דער הויפט אפיצער וואוינט אבער מען האט אים געזאגט אז דער אפיצער איז א שונא ישראל און עס איז א שאד צו גיין צו אים ווייל ער וועט דיר גאר ארויסווארפן פון זיין שטוב!

ר' בערל האט געהאט אמונת צדיקים און אז דער רבי זאגט גיין, גייט מען. ער איז אנגעקומען צו די הויז פון דעם אפיצער און קלאפט אויפן טיר און א קליינע מיידעל עפענט די טיר און זי גיט אוים א געשריי: טאטע! דער מענטש וואס האט מיר געצאלט פארן בילעט איז ביים טיר! דער אפיצער קומט צום טיר און נעמט אויף ר' בערל פריינדלאך און דאנקט אים פאר העלפן זיין טאכטער און ער וויל אים יעצט באצאלן פאר זיין גוטסקייט. און האט געזאגט אז די מיידל האט געוואלט פרעגן וואו ער וואוינט כדי אים צוריק באצאלן אבער די באן האט שוין פארמאכט די טירן און זי וועט זיך יעצט פרייען אז מען וועט דיר באצאלן!

זאגט אים ר' בערל אז ער איז געקומען צו אים וועגן א שווערע ענין וואס ער דארף זיין הילף און דערציילט וואס עס איז געשען אז ער האט געמאכט אביסל קורצער די מאנטלען פאר די סאלדאטן און דער אפיצער האט אים געוואלט איינזעצען און איז אים חושד אז ער האט געוואלט אפנארן די ארמיי אבער עס איז געווען א טעות פון זיין זייט. רופט זיך אן דער הויפט אפיצער: באמת האט ער שוין לאנג געהאלטן אז די מאנטלען פון די סאלדאטן זענען צו לאנג און עס איז גאר בעסער אז ער האט זיי געמאכט קורצער.

דער אפיצער הייסט ר' בערל בלייבן א פאר טעג אין ווין און זאגט אים ער וועט אלעם ערליידיגן, און ביז א פאר טעג האט ער גערופן ר' בערל צו זיך און אים געגעבן די פאפירן אז ער איז נישט שולדיג און א קאנווערט מיט געלט וואס די ארמיי האט געדארפט באצאלן פאר די ארבעט. ר' בערל האט באדאנקט דעם אפיצער און דער אפיצער האט אויך נאכאמאל באדאנקט ר' בערל און איז אהיים געפארן א צופרידינער, אויפן באן אהיים האט ער שוין פארשטאנען וואס דער הייליגער צדיק האט מיט אים געטאן און פארוואס ער האט אים געהייסן צאלן די בילעט פאר די קליין מיידל, ער האט געזען די קלארן רוח הקודש פון צדיק. ער איז גלייך געגאנגען צום היילגן שינאווא רב און אים אלעם דערציילט און אים שטארק באדאנקט.

[דער רבי האט פאראוים געזען און האט מקיים געווען דאס וואס שלמה המלך זאגט "שַׁלַּח לַחְמְךָ עַל פְּנֵי הַמָּיִם, כִּי בְרֹב הַיָּמִים תִּמְצָאֶנּוּ" (קהלת יא א) שיק דיין ברויט אויפן וואסער ווייל שפעטער ווען דו וועסט דאס באמת דארפן וועסטו עס טרעפן. ר' בערל האט געטאן א חסד מיטן מיידל און האט באקומען א גאר גרויסע באלוינונג פאר דעם שפעטער.]

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

סעט חק לישראל דפוס סלאוויטא $5500 שערי ציון דפוס זיטאמיר $1600 מדרש רבה דפוס זיטאמיר, ספר זרע בירך דפוס ראשון מסוגל לשמירה, סידור חסד לאברהם מצב חדש מנטובא תקמ"א עפ"י האריז"ל $5000, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000„ סעט זוהר הק' דפוס זיטאמיר מצב יפה מכורך $3000, שו"ע או"ח דפוס זיטאמיר מצב מצויין ג' חלקים. תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר $8500, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $7500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עם וועט העלפן $22000, ספר זוהר הרקיע להאריז"ל דפוס קארעץ, ספר מבוא שערים לר' חיים וויטאל דפוס קארעץ,

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to-pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim, We can also pick up for free on large quantities.**

פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵמוֹת? אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגען צו אונז בחינם. ברענגט דעם גליון צו אייך אין די קאנטרי און זייט מהנה די רבים עס איז שוין פארטיג מיטוואך, א געזונטע זוממער דער גליון איז מוקדש לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י היה בן י"ד במותו עזר הרבה בהפצת הגליון, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז